# פרשת ויקרא א׳ - ז׳ ניסן תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו. אחר התפלה שימש **רבינו שליט״א** במוהלות אצל הברית של בן הר״ר **ישראל שאהנבערגער** הי״ו. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך איז די פרשה פון קרבנות, אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳, זאגט דער פסוק אל פתח אהל מועד יקריב אותו וגו׳, וסמך ידו על ראש העולה (ויקרא א-ב). עס שטייט אין **חתם סופר** (בפרשתנו ב.), ווען א יוד האט געברענגט א קרבן, איז ער געקומען אין בית המקדש, און ער האט סומך געווען זיין האנט אויפן קרבן, און ער האט עס מקריב געווען. ווען איינער האט זיך נישט געהאט גע׳מל׳ט, א ערל, האט ער נישט געטארט אריינקומען אין בית המקדש. אפילו ער איז נישט געווען מחוייב אין מילה, עס איז געווען מתו אחיו מחמת מילה, אבער וויבאלד למעשה איז ער א ערל, האט ער נישט געקענט אריינקומען. אזוי ווי א טמא קען נישט אריינקומען אין בית המקדש, קען א ערל אויך נישט אריינקומען. קומט אויס, אז א ערל ווען ער האט געוואלט ברענגען א קרבן, האט ער נאר געקענט שיקן דעם קרבן מיט א שליח, אבער ער אליין האט נישט געקענט אריינקומען און ברענגען דעם קרבן. און די הלכה איז, אז סמיכה אויף א קרבן, איז נאר ווען מען ברענגט אליין דעם קרבן. טאמער שיקט מען מיט א שליח, איז נישט דא קיין סמיכה. קומט אויס אז כדי א מענטש זאל קענען ברענגען א קרבן אין בית המקדש, און ער זאל זיך סומך זיין דערויף, האט ער געמוזט זיין קודם גע׳מל׳ט.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, ווען א מענטש מל׳ט זיך, איז ער מקריב א קרבן פון זיך. אדם כי יקריב מכם קרבן, דאס גייט ארויף אויף מצות מילה, וואס א מענטש איז מקריב פון זיך א קרבן. אז ער האט זיך קודם גע׳מל׳ט, דעמאלטס אל פתח אהל מועד יקריב אותו, קען ער ברענגען א קרבן צום פתח אהל מועד, ער קען אריינקומען אינעם בית המקדש, און וסמך את ידו, ער קען סומך זיין. אבער טאמער עס פעלט דער ערשטער חלק, ער האט זיך נישט גע׳מל׳ט, עס איז נישט דא אדם כי יקריב מכם קרבן, קען ער נישט ברענגען דעם קרבן, און עס איז נישט דא שפעטער קיין סמיכה אויפן קרבן.

**עס** קען זיין דער קשר פון מצות מילה צו א קרבן. מען ווייסט דאך, אז ווען א יוד ברענגט א קרבן, מיט דעם ווערט נתכפר זיין חטא וואס ער האט געזינדיגט. אפילו א עולה קומט אויך אויף א כפרה, אויף הרהור הלב. אם אדם חטא, בהמה מה חטאה, וואס האט די בהמה געזינדיגט, אז ווייל דער מענטש האט געזינדיגט ווערט דעם איז מען מקריב די בהמה. זאגט דער **רמב״ן**, אז ווען א מענטש ברענגט א בהמה פאר א קרבן, איז עס נאר צו דערמאנען דעם מענטש, אז ער זאל איבערטראכטען, אז ער וואלט אליין געדארפט זיין דער קרבן. הוא העולה על מוקדה (ויקרא ו-ב), ער וואלט געדארפט צו זיין דער עולה, און וואס מען טוט מיטן קרבן, וואלט זיך געקומען אז מען זאל עס טון מיט אים. ער זאל זיך לאזן שחט׳ן פארן אייבערשטען. פון זיין בלוט זאל מען לייגען פארן באשעפער. נאר דער אייבערשטער האט חס געווען אויף אים, האט ער גענומען א בהמה. די תכלית פון ברענגען א קרבן איז, אז דער מענטש זאל איבערטראכטען ביי זיך, אז דאס וואס מען טוט מיטן קרבן, אזוי דארף ער זיך שפירן צום אייבערשטען. ווען א מענטש ברענגט א קרבן, און עס פעלט אים די כוונה, האט ער געברענגט א קרבן, ער האט גע׳שחט׳ן א קרבן, אבער עס פעלט דער תכלית פונעם קרבן. דער מענטש האט געזינדיגט, און וואס איז געשעהן יעצט אז די בהמה האט נישט געזינדיגט, פארוואס האט מען עס גע׳שחט׳ן. עס מוז זיין אז א מענטש זאל זיך אפלערנען דערפון.

**אז** א מענטש זאל קענען צוקומען צו די דרגא, אז ער זאל זיך קענען פארשטעלן אז ער איז א קרבן פארן אייבערשטען, און ער דארף זיך מוסר נפש זיין פארן באשעפער, דאס נעמט זיך פון מצות מילה. ווייל דאס איז כי עליך הרגנו כל היום, ווען א טאטע נעמט זיין קינד דעם אכטן טאג און ער מל׳ט אים, ברענגט ער אריין דאס קינד אין א מצב פון כי עליך הרגנו כל היום, כדי אריינצולייגען אינעם קינד, אז אזוי דארף זיך א יוד צו פירן. א יוד דארף פארגיסן דאס בלוט פארן אייבערשטען. כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. אזוי ווי

כניסת הברית איז געווען מיט פארגיסן דם פארן אייבערשטען, אזוי דארף מען טון אלע מצות און מעשים טובים שפעטער.

**ווען** עס איז אדם כי יקריב מכם קרבן לה', ווען א מענטש איז מקריב קודם דעם קרבן פון זיך, ער איז מקיים מצות מילה, מיט דעם האט ער באקומען די כוחות אז ער זאל זיך קענען מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען, דעמאלטס איז תקריבו את קרבנכם, קען ער ברענגען א קרבן אויך. אבער סתם ברענגען א קרבן אן דעם וואס ער זאל זיך אראפלערנען דערפון אז הוא העולה על מוקדה, אז ער וואלט געדארפט זיין דער קרבן, איז נישט דא קיין ענין צו ברענגען א קרבן.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת לעסין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אלטר שלמה לעסין** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים התקיימה הנחת אבן הפינה לבנין בית חינוך לבנות 'בית יעקב' דקהלתנו הק' בוויליאמסבורג, שיבנה ברחוב נאסטרענד, לטובת חינוך בנותינו לשם ולתפארת.

הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א (מנהל הת"ת בב"פ) פתח את המעמד, אחר כך נאמרו פרקי תהלים (מזמורים א, ב, ג, ד, כד, צא, ט"ו שיר המעלות, קנ, אנא בכח, ז' פעמים ויהי נועם, יה"ר) ע"י הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו (יו"ר מוסדותינו הק'). בשיר וקול זמרה ירד **רבינו שליט"א** להנחת אבן הפנה, וירה אבן הפינה ברגשי לבב, וזרק ג' מטבעות לתוך הטיט. אחר שכיבדו את כל הנאספים ביציקת הטיט, הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו. אחר כך יצאו בריקוד לכבוד המאורע.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**מען** האט היינט געזאגט ביי הלל, די תפלה וואס דוד המלך האט געבעטן, אז ער זאל קענען אויפבויען דעם בית המקדש. פתחו לי שערי צדק אבוא בם אודה י-ה, עפנט מיר די טויערן פונעם בית המקדש, איך זאל קענען אריינקומען דארט און דאנקען דעם אייבערשטען. זה השער לה', דאס איז די שער פונעם בית המקדש, צדיקים יבואו בו. נאכדעם האט ער געזאגט, אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה, די שטיין וואס די בונים האבן געלייגט אין די זייט אז דאס קען מען נישט נוצן, דאס איז געווארן די ווינקל שטיין, מאת ה' היתה זאת, היא נפלאת בעינינו, זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.

**דוד** המלך האט נישט זוכה געווען אז ער זאל קענען אויפבויען דעם בית המקדש, אבער ער האט מתפלל געווען, און אראפגעלייגט די תפלות און די כוחות דערצו, אז דער בית המקדש זאל ווערן אויפגעבויט. ער האט צוגעשטעלט אלעס וואס עס האט אויסגעפעלט, כדי מען זאל קענען האבען א בית המקדש פארן אייבערשטען. יעדע זאך, און כל שכן א דבר שבקדושה, ווענדט זיך אלעס לויט די הכנה ווי אזוי מען גרייט זיך צו דערצו. מיט וואס פאר א כוונה מען גייט אריין, אזוי איז שפעטער דא די הצלחה אין די זאך וואס מען טוט.

**אין** די פרשיות האט מען געליינט פונעם בנין פונעם משכן, דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל נעמען נדבות פון יודען, מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי (שמות כה-ב), און יודען זענען געקומען, מען האט אוועקגעגעבן וואס מען האט געהאט. מען האט אראפגענומען די תכשיטים פון זיך, און אוועקגעגעבן צו בויען דעם בית המקדש. ווי דער **אלשיך הק'** זאגט, תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים (שיר ג-י), עס איז געלעגן א געוואלדיגע ליבשאפט צום אייבערשטען, ווי אזוי מען האט אוועקגעגעבן די נדבות המשכן. און ווייל מען האט עס אוועקגעגעבן מיטן גאנצן הארץ, איז געווען שפעטער א געוואלדיגע ברכה אינעם משכן. סיי אינעם געלט וואס האט אויסגעפעלט, והמלאכה היתה דים לכל המלאכה (שמות לו-ז), עס איז אריינגעקומען א ברכה אין די זילבער און די גאלד וואס איז געווען. און סיי אינעם אויפשטעלן די משכן וואס איז געווען א זאך וואס יודען האבען קיינמאל נישט געטון די סארט ארבעט. מען איז געווען אין מצרים, מען איז געווען עבדים, מען איז נישט געווען קיין ארכיטעקטן, און אזוי ווייטער. און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט חכמה און תבונה און דעת אין די עושי המלאכה אז זיי זאלן קענען אלעס פארשטיין ווי אזוי צו טון. מען האט עס געמאכט אין א קורצע צייט, ביז צוויי חדשים איז געווען פערטיג דער גאנצער

בנין פונעם משכן. מען האט זיי מצווה געווען ממחרת יום הכיפורים, און אויף כ"ה כסלו איז אלעס געווען פערטיג, מען האט נאר אוועקגעלייגט די חנוכת הבית אויף ראש חודש ניסן. עס איז געווען א געוואלדיגע ברכה אין די ארבעט אז מען האט עס געקענט אזוי שנעל ענדיגען. ווייל אלעס ווענדט זיך לויט די כוונה ווי אזוי מען גרייט זיך צו. ווען א יוד טוט פון זיין זייט ערליך פארן אייבערשטען, קומט נאכדעם אריין א ברכה פונעם אייבערשטען, דער באשעפער העלפט אז די זאך ווערט געענדיגט גרינג און שנעל. אזוי ווי יודען האבען זיך געהאט צוגעגרייט מיט אזא ערליכקייט צו בויען א בית המקדש פארן אייבערשטען, איז נאכדעם אריינגעקומען א ברכה אין וואס מען האט געטון.

**ווען** מען האט געברענגט דעם משכן פאר משה רבינו ער זאל עס אויפשטעלן, האט משה רבינו געזאגט איך קען נישט, עס איז צו שווער. איך קען נישט אויפהייבן אזעלכע שווערע ברעטער. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, דו דארפסט גארנישט טון, עסוק אתה בידך, לייג אהין דיין האנט, און מאך דיך ווי דו שטעלסט עס אויף, און איך וועל עס אויפשטעלן. דאס איז די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, טאמער א יוד טוט פון זיין זייט וויפיל ער קען טון, און דאס איבריגע לאזט מען צום רבונו של עולם, טוט דער אייבערשטער העלפן אז עס איז הוקם המשכן, די משכן איז געווארן אויפגעשטעלט פון זיך אליין.

**אויפן** פתח בעהט דער אייבערשטער, פתחו לי פתח כחודו של מחט, מיר דארפן נאר טון אביסל, אונז דארף מיר צושטעלן וויפיל מיר קענען טון, נאכדעם טוט דער רבונו של עולם, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, פארן אייבערשטער איז אלעס גרינג, און פארן אייבערשטען איז יעדע זאך אדורכפירבאר. האט דוד המלך געבעטן, פתחו לי שערי צדק, ווען איך וועל עפענען די שערים, זאל עס זיין 'צדק', עס זאל זיין מיט א ערליכקייט, מיט א אמת'דיגקייט, מיט א כוונה נאר לשם שמים, ווייל דעמאלטס וועט אריינקומען די ברכה דערין. אפילו אבן מאסו הבונים, אפילו א שטיין וואס די בונים זאגען אז מען קען זיך נישט קיין עצה געבן מען זאל עס קענען נוצן, אז דער אייבערשטער וויל, היתה לראש פנה, ווערט עס א ראש פנה. דאס איז מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו, אפילו אין אונזערע אויגען איז עס נפלאת, אז די זאך זאל קענען פאסירן, אבער זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, דאס איז די תפלה וואס ער האט שפעטער מתפלל געווען, אנא ה' הושיעה נא, אנא ה' הצליחה נא, דער אייבערשטער זאל געבן די ישועה און די הצלחה, אז מען זאל קענען גרינג גומר זיין אין וואס מען גייט אריין.

**מען** שטעלט אויף א נייעם בנין פאר די בנות ישראל, זיי זאלן קענען אויסוואקסען ערליכע יודישע מאמעס, אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, עס זאל קענען זיין ושכנתי בתוכם, עס זאל זיין א השראת השכינה אויפן פלאץ. אונז גלייב מיר דאך אין ביאת המשיח, אחכה לו בכל יום שיבוא, עס איז מעגליך אז מארגען וועט משיח אנקומען, און מען וועט נישט דארפן האבן די גאנצע זאך. אבער מען קען נישט וויסן וויפיל צייט עס וועט נאך נעמען ביז משיח וועט קומען, און אונז דארף מיר צוגרייטן פאר די קומענדיגע דורות א פלאץ וואו מען זאל קענען ערציען ערליכע יודישע מאמעס. עס איז א געוואלדיגער זכות אז מען האט א חלק דערין. דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל קענען זיין א ערליכע כוונה, עס זאל קענען זיין א ערליכע התחלה, וועט אריינקומען א ברכה פונעם אייבערשטען, אז היתה לראש פנה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל אריינקומען א ברכה אין די ארבעט, עס זאל גרינג אנקומען. משה רבינו האט מתפלל געווען, ויהי נועם ה' עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו, ומעשה ידינו כוננהו, מען זאל קענען בקרוב זיך צוזאמקומען און זעהן ווי אזוי דער בנין וועט שטיין אויפן פלאץ. יעדער יוד וואס האט א חלק דערין, האט א חלק ביז משיח וועט קומען. עס קוקט שוין נישט אויס אז יודען וועלן זיין אין א אנדערן גלות פון אמעריקא ביז משיח וועט קומען, מען האט שוין איבעראל מתקן געווען, עס איז שוין דער לעצטער גלות, אונז גרייט מיר זיך צו, צו ביאת המשיח. זאל דער באשעפער געבן, מען זאל קענען אין דעם פלאץ מחנך זיין ערליכע יודישע דורות לה' ולתורתו, און זיי זאלן קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע שטובער.

**עס** קומט א גרויסן דאנק פאר די אלע משתתפים בגופם ובממונם, וויפיל געלט, און וויפיל פלאג עס

ווערט אריינגעלייגט בגופם, ביז מען דערזעהט זיך אז די זאך זאל זיין פערטיג, זייער זכות איז זייער גרויס, זיי האבן א חלק אין אויפשטעלן יודישקייט אויף דורות שפעטער. זאלן מיר אלע זוכה זיין, זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית המקדש, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בקריאת השם לבת הנולדה אצל בנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** שהתקיים בבית המדרש מונקאטש. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ביחד עם הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט ביי יעקב אבינו, אז ער האט אנגעוואונטשען יוסף, המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים, ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק, וידגו לרוב בקרב הארץ (בראשית מח-טז), יעקב האט אים געבענטשט, אז דער מלאך וואס האט מיר אויסגעלייזט פון שלעכטס, זאל בענטשען די קינדער, ויקרא בהם שמי, מען זאל רופן אין זיי מיין נאמען, ושם אבותי אברהם ויצחק. זעהט אויס אז דאס איז א מקור, אז מען רופט די קינדער, נאך די עלטערן. מען גיט א נאמען פאר די קינדער נאך די זיידעס און באבעס.

**עס** שטייט די וואך אין **חתם סופר** (בדרושים ואגדות) א דבר נפלא. ויקרא אל משה, דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו, 'וידבר' ה' אליו מאהל מועד 'לאמור' (ויקרא א-א). ער הייבט אן מיט א לשון דיבור, און ער ענדיגט מיט א לשון אמירה. רש"י זאגט, ויקרא אל משה, דאס איז א לשון חיבה, ווען די מלאכי השרת רופן איינער דעם אנדערן, שטייט (ישעיה ו-ג) וקרא זה אל זה ואמר. דארט איז א לשון חיבה, איין מלאך רופט דעם צווייטען מלאך מיט א ליבשאפט. און דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו מיט דעם זעלבן לשון וואס מען געפונט ביי די מלאכים. דער חתם סופר שטעלט זיך, וואס איז דער צושטעל, ויקרא אל משה, דער אייבערשטער האט גערופן משה רבינו, מיט א לשון חיבה וואס מען געפונט די מלאכים רופן זיך.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, צו דערמאנען א נאמען פון א רשע איז נישט גלייך. ווען מען דערמאנט זיין נאמען, איז מען ממשיך אויף זיך א חלק פון די טומאה פונעם רשע. שם רשעים ירקב (משלי י-ז), עס זאל שולט זיין א רקבון אין זיין נאמען, מען זאל אים נישט רופן. אזוי ווי מען געפונט (שמות כג-יג) ושם אלהים אחרים לא תזכירו, מען זאל נישט דערמאנען א נאמען פון א עבודה זרה. ווען מען דערמאנט עבודה זרה ווערט נמשך אויף א מענטש א טומאה פון די עבודה זרה. ביי עמלק שטייט (דברים כה-יט) תמחה את זכר עמלק, מען זאל אויסמעקן דעם זכר. אזוי טאר מען נישט רופן די נאמען פונעם רשע. - די זעלבע איז פארקערט, זכר צדיק לברכה, אז מען רופט א נאמען פון א צדיק, איז מען ממשיך אויף זיך א קדושה.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, עס זענען דא קלענערע מלאכים און גרעסערע מלאכים. ווי גרעסער דער מלאך איז, איז דאס א גרעסערע קדושה. ווען דער קליינער מלאך וויל מקדש זיין דעם אייבערשטענס נאמען, וויל ער ממשיך זיין אויף זיך א קדושה, רופט ער קודם דעם נאמען פון א גרעסערן מלאך, מיט דעם וואס ער דערמאנט דעם נאמען פונעם גרעסערן מלאך, איז ער ממשיך אויף זיך א קדושה פון דעם מלאך, אז ער קען זאגען קדוש. זאגט ער, וקרא זה אל זה, די מלאכים רופן זיך זה אל זה, ער רופט יענעם מיטן נאמען, מלאך מיכאל און גבריאל זענען די גרעסערע מלאכים, און עס איז דא קלענערע מלאכים, און ער רופט די נעמען פון די מלאכים. און נאכדעם זאגט ער, קדוש קדוש, ווייל ער האט ממשיך געווען אויף זיך, די קדושה פון דעם גרעסערן מלאך.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר ווייטער, אז דער אייבערשטער כביכול וויל ממשיך זיין א קדושה אויפן כלל ישראל, רופט דער אייבערשטער א נאמען פון א צדיק, ממשיך צו זיין אויף זיך, אז עס זאל זיין צדיק מושל יראת אלקים (שמואל ב כג-ג), ממשיך זיין אויף זיך דעם נאמען פונעם צדיק, כדי ער זאל קענען מעורר זיין רחמים אויף יודען. זאגט דער הייליגער חתם סופר, ומי לנו גדול ממשה רבינו. אז דער אייבערשטער וויל ממשיך זיין רחמים אויף יודען, דערמאנט ער דעם נאמען פון משה רבינו, און מיט דעם איז ער ממשיך שפעטער חסדים אויף יודען. אזוי

ווי ביי די מלאכים איז וקרא זה אל זה, זיי רופן זיך איינער דעם אנדערנס נאמען, כדי ממשיך צו זיין א קדושה פונעם מלאך, אויף צו זאגען קדוש, ויקרא אל משה, די זעלבע חיבה האט דער אייבערשטער געהאט ווען ער האט גערופן דעם נאמען פון משה, און וידבר ה' אליו לאמור, דורך דעם איז געווארן פונעם דיבור א אמירה רכה. - ווי גרויס עס איז דער ענין מזכיר צו זיין א נאמען פון א ערליכען יוד, כביכול דער אייבערשטער ווען ער וויל מעורר זיין רחמים, דערמאנט ער דעם נאמען פון משה, און דורכדעם איז ער מעורר רחמים אויף שפעטער.

**יעקב** האט געזאגט, המלאך הגואל אותי מכל רע, יברך את הנערים ויקרא בהם שמי, אז מען וועט שטענדיג רופן מיר זענען בני יעקב, מיר זענען בני ישראל, מען פאררופט זיך אויפן נאמען פון יעקב אבינו. מיט דעם וואס מען רופט זיך מיט די נאמען פון יעקב, דורכדעם איז וידגו לרוב בקרב הארץ, וועט מען קענען ממשיך זיין די ברכה וואס מען דארף.

**מען** גיט א נאמען פאר א קינד, נאך א זיידע אדער נאך א באבע, פון די פריערדידיגע דורות. אלע אונזערע זיידעס און באבעס זענען געווען ערליכע יודען. און אז מען גיט א נאמען נאך די פריערדיגע, און שטענדיג רופט מען דאס קינד ביי דעם נאמען, איז אלץ ווען מען דערמאנט דעם נאמען, טוט מען ממשיך זיין די קדושה פון דעם וואס מען האט נאך אים א נאמען געגעבן, און דאס איז ממשיך אז מען זאל קענען ווייטער מגדל זיין דאס קינד אזוי ווי עס דארף צו זיין.

**מען** האט א נאמען געגעבן בתיה, נאך מיין באבע, די רעבעצין פונעם מאקאווער דיין. זי איז געווען א אשה חשובה מאד, א צדקנית, און א אשה חכמת, א געוואלדיגע קלוגע יודענע איז זי געווען. און זי האט אסאך צוגעהאלפן פארן זיידען אז ער זאל קענען זיצען און לערנען, און ארויסגעבן זיינע ספרים. דאס עניות אין שטוב איז געווען זייער גרויס ביי זיי. די באבע בתיה האט געבוירן איבער צוואנציג קינדער, די מאמע ע"ה פלעגט צו זאגען, אז עס איז געווען אזוי גרויס דאס עניות, אז מען האט קיינמאל נישט גערופן א קינד צו עסן נאכטמאל. און ווען א קינד האט געבעטן צו עסן, האט מען געזוכט וואס מען קען געבן... און אזוי איז דער זיידע געזעסן און געלערנט.

דער זיידע איז געזעסן אין זיין שטוב משבת לשבת, ער איז כמעט נישט ארויסגעגאנגען פון זיין ספרים שטוב, ער איז געשלאפן דארט, און געדינט דעם אייבערשטען. עס איז ויקרא בהם שמי ושם אבותי. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה אז דאס קינד זאל וואקסען אין דעם נאמען וואס זי הייסט, זי מעג זיין א גרעסערע עשירות'טע פון וואס די באבע איז געווען, מען זאל קענען לערנען תורה מיט הרחבת הדעת. דער באשעפער זאל העלפן מיטן מחותן צוזאמען, און מיטן זיידען, זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן האבן אלע א פרייליכען לוסטיגן יום טוב, און מיר זאלן אלע זעהן נחת ביי אונזערע קינדער, און זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד לסדר קידושין אצל החופה של החתן **יואל צבי דוב** נ"ו, בן הר"ר **שלמה קליין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד יצחק ווייזער** הי"ו, שהתקיים באולם פאונטען בלו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **יואל גליק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה פאשקעס** הי"ו, שהתקיים באולם לא שאטוי, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** האט געליינט אין די פריערדיגע וואכען פון די הקמת המשכן, מען האט גערארפט אויפשטעלן א בית פארן אייבערשטען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען די געשטאלט פון די משכן, וכן תעשו (שמות כה-ח), לדורות, אזוי זאלט עטץ נאכטון לדורות. עס שטייט אין הייליגע ספרים, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), א יודישע שטוב איז א בית המקדש. אז מען וויל בויען א מקדש פארן אייבערשטען, זאל מען עס נאכטון אזוי ווי דער תבנית המשכן וואס איז געווען אין מדבר, וואס דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו. דאס איז טייטש, אז יעדע זאך וואס איז געווען אינעם משכן, איז דא א געוויסע לימוד אין עבודת ה' פאר יודישע קינדער. אין משכן איז געווען א ארון, מיט א שלחן, א מנורה, און א מזבח. די ארון ווייזט אויף תורה, דער שלחן ווייזט אויף שלחן מלכים, די מנורה

ווייזט אויף עמקות התורה, דער מזבח אויף מסירת נפש. און פון יעדע כלי דארף מען זיך אראפלערנען א געוויסע מדה.

**שידוכים** איז דער שורש אינעם משכן, אלע ברכות קומען דאך פונעם משכן. אויף די ארון זענען געווען שני כרובים, ופניהם איש אל אחיו (שם כה-כ). אין **זוהר הק'** (ח"ג נט.) שטייט, אז די כרובים זענען געווען א צורת זכר און א צורת נקבה, עס שטיט אין די גמרא (יומא נד.), אז יעדן יום טוב האט מען גולל געווען דעם פרוכת, און מען האט געזעהן ווי די שני כרובים האבן זיך צוזאמגענומען איינער מיטן צווייטען. און מען האט געזאגט פאר יודען, ראו חיבתכם לפני המקום, קוקטס ענקער ליבשאפטביים אייבערשטען, ווי אזוי דער באשעפער האט הנאה פון כלל ישראל.

**די** כרובים זענען געווען פניהם איש אל אחיו, אזוי דארף צו זיין שלום בית, עס דארף צו זיין פניהם איש אל אחיו. אין די גמרא (בבא בתרא צט.) שטייט, אז ווען עס איז געווען עושין רצונו של מקום איז געווען פניהם איש אל אחיו, און ווען עס איז געווען אין עושין רצונו של מקום, איז געווען פניהם לבית (דברי הימים ב ג-יג), זיי האבן זיך אוועקגעדרייט, יעדער האט געזוכט צוריק צו גיין צו זיין שטוב. און די חשיבות איז, ווען עס איז פניהם איש אל אחיו, איינס אקעגן דעם אנדערן.

**די** כרובים זענען געווען אויפן ארון. כדי עס זאל קענען זיין א יודישע שידוך, עס זאל זיך קענען האלטן, עס זאל זיין פניהם איש אל אחיו, עס זאל זיין א שטוב וואס איז געבענטשט מיט שלום און ערליכקייט אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאס איז וועןביידע זענען אויפן כפורת, דארט וואו די תורה איז, פניהם זענען געווען אל הכפורת (שמות כה-כ), אראפצוקוקען שטענדיג אויף די תורה, זיך צו פירן על פי דרכי התורה, דעמאלטס ווערט אויפגעשטעלט א שטוב וואס איז א בית ה'.

**דער** ארון אויף וואס די כרובים זענען געלעגן, איז געווען דערויף די בדים פונעם ארון. וואס אין הייליגע ספרים שטייט, אז די בדים פונעם ארון דאס איז א רמז אויף די מחזיקי תורה. דער ארון איז די תורה אליין, די תורה קען זיך נישט באוועגן אליין, אן דעם וואס עס האט די בדים, וואס זיי טוען מחזיק זיין די תורה, אז ווען די תורה דארף עפעס האבן, מען דארף עס רירן פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, זענען די בדים געשטאנען דארט צו באדינען דעם ארון. ביי די בדים איז געווען די מצוה לא יסורו ממנו (שמות כה-טו), מען האט עס קיינמאל נישט געטארט ארויסנעמען, שטענדיג האבן זיי געדארפט זיין גרייט דארט ביים ארון עס צו טראגען.

**די** בדים זענען געווען פון האלץ, און נאכדעם וואס מען האט צוגעגרייט די האלץ פאר די בדים, וצפית אותם זהב (שם כה-יג), האט מען ארויפגעלייגט דערויף גאלד. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער רמז דערפון איז, אז די וואס זענען מחזיקי תורה, אפילו אין אנהייב זענען זיי נאר האלץ אליין, אבער פון דעסטוועגן דאך וצפית אותם זהב, טוט דער אייבערשטער זיי משפיע זיין, אז זיי זאלן קענען זיין די וואס זענען מחזיק דעם ארון.

**די** כרובים, די פאר פאלק, וואס קומט פון אזא שטוב, וואס איז געבויט אויף תורה, און עס איז געבויט אויף די בדים וואס זענען אין די ארון שטענדיג, דארט איז דא א ברכה אין די שטוב. אין די שטוב איז דא פניהם איש אל אחיו, און עס איז דא די אהבה אחוה שלום וריעות וואס עס דארף צו זיין אין א יודיש הויז. און ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, זאגט דער אייבערשטער, אזוי ווי איך ווייז ענק דעם תבנית פונעם משכן, וכן תעשו לדורות, ווען מען וועט אויפשטעלן יודישע דורות, מען וועט בויען יודישע שטובער, זאלט עטץ אויך מאכען די זעלבע.

*

__*יום שלישי פרשת ויקרא*__

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **יהושע אריה מאנדל** הי"ו (החתן הר"ר **פנחס דוד קאליש** הי"ו), שהתקיים בבית המדרש סאטמאר (מורטל סט.). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **ישראל** ני"ו, בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו בוויליאמסבורג, עב"ג בת הר"ר **יואל קליינבערגער** הי"ו.

כמו כן התקיים מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **פנחס** נ"ו בן הר"ר **ברוך מרדכי רייך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים בנציון פריעדלענדער** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חיים שמחה בונם הירש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **משה אקערמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש באלחוב.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ליפא וועכטער** הי"ו, שהתקיים בבית חמיו הר"ר **זלמן לייב מארקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לאפיית מצות לחג המצות, בבית האופה ד'סאטמאר (בראדוועי). **רבינו שליט"א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, והשגיח בכל תהליך האפיה שיהא משומר כדת וכדין.

*

***שבת קודש פרשת ויקרא***

בתפלת שחרית בחזרת הש"ץ אמרו היוצרות לשבת הגדול קודם קדיש תתקבל. - לפני קריאת התורה למד **רבינו שליט"א** ההלכות השייכות לערב פסח שחל להיות בשבת.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שלמה זלמן לעפקאוויטש** הי"ו, ולבת הנולדה אצל הר"ר **יואל אשר שווארץ** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

בשעות אחר הצהרים מילאו המוני אנ"ש ותושבי העיר את היכל בית מדרשנו לשמוע דרשת שבת הגדול מאת **רבינו שליט"א**.

**רבינו שליט"א** התחיל את אמריו בענין אמירת תוכחה מתוך אהבה וחיבה, שאז נכנסים הדברים ללב השומע, ומתקבלים הדברים להתעורר לשנות דרכו.

**רבינו שליט"א** השמיע דברי פלפול בסוגיא דבני בתירה (פסחים סו.), בחל י"ד להיות בשבת, אם הפסח דוחה את השבת, ופלפל בביאור ספיקתם בכמה אנפין.

אחר כך המשיך בדברי אגדה והתעוררות, דברי הכנה לחג הפסח, ובגודל מדריגת עבודת ה' 'עבודה מאהבה', להתענג לעשות נחת רוח לקונו, דוגמת הבן שעומד ומצפה מתי יוכל לענג את אביו ולשרתו. וזה מגיע על ידי התבוננות בגדלות הבורא בעת התפלה בפסוקי דזמרה ואמירת שירות ותשבחות בכוונה.

עוד זאת נתעורר האהבה להשי"ת בהתבוננות בחסדי ה' ונפלאותיו עמנו תמיד, וביותר בימי הפסח הימים אשר נקבע להודות למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלה. ומה גם בשנה זו אשר שלטה המחלה הנוראה, מאות בני ישראל נעדרו ר"ל, ורבבות ששלט בהם המחלה זה בכה וזה בכה. ובשנה העברה היו הבתי כנסיות סגורים בחג הפסח מחמת המצב. ואנו נמצאים כעת כאן חיים ובריאים, ולא נתן למוט רגלינו, ומדבר מלטתנו, ומחליים רעים ורבים ונאמנים דליתני, כמה טובה כפולה ומכופלת למקום עלינו. - ובימי החג כאשר פנויים ממלאכה, יש להתמלא בגעגועין של אהבה, כאשר מעלין על המחשבה הנסים שעשה עמנו בימים ההם, והם נמשכים גם בזמן הזה.

**רבינו שליט"א** האריך בגודל מעלת החג 'חג האמונה', ויש לכל אחד להתעצם להחדיר אמונה זו בקרבנו, ולאכול מצה מיכלא דמהימנותא, שתהא דבר זה חלק מדמו ובשרו, ולהיות טופח על מנת להטפיח לבניו ודורותיו אחריו. וידע שהבנים הם מעלין את האב במעשיהם הטובים בזה ובבא, וכדאי להאדם לוותר הרבה מנוחיותו עבור התעלות הבנים. ובכל פעולה שעושה, או מביאו להבית, יחשוב מתחלה מה תהא התוצאות וההשפעה ממעשה זו על בניו.

*

בסיום הדרשה עורר **רבינו שליט"א** בענין מעות 'קמחא דפסחא' אשר כעת שהממשלה מחלקת סכומים גדולים למשפחות רבות, ישנם שמקילים מלחלק מעות לעניים, ומניחין זכות המצוה להממשלה.

וחזר בזה על מה שיסופר על **מרן מסאטמאר זי"ע** שקרא פעם בערב פסח אחד מבני הבית, ונתן לו מעטפה עם מעות להוליכו לנצרך, שיוליכנו עוד היום

לביתו. ושאל אותו השליח, וכי הרבי חושב שאין להם כעת צורכי פסח, וממעות זה ילכו לקנות, הרי יכולין לסדר זה גם בחול המועד. והשיב בודאי שיש להם על צורכי יום טוב, אבל עדיין הם מודאגים מה יהיה אחר ים טוב, וכאשר יגיע להם כעת מעות על אחר יום טוב, יחוגו את החג בשמחה ובדיצות.

וגם מקבלי המעות צריכים ליתן לב שלא לפזר המעות לנופש או שאר דברים, אלא ישימו לב לקבץ יד על יד לרבות הימים שיצטרכו להוצאות שונות, או לנישואי בניהם ולהחזיקם אחר זה. וכעת קודם החג לקנות להנשים בגדים ותכשיטין לשמחת יום טוב כמבואר **בשלחן ערוך** (סימן תקכ"ט סעיף ב'). ויתן ה' שנוכל לחוג את החג בשמחה ובדיצות, וכימי צאתנו ממצרים יראנו נפלאות בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

במוצאי שבת התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של נכדו בן לחתנו **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א**.